בעזהשי"ת

# פון רבי'נס קוואל

געקליבענע מאמרים ארויסגענומען פון די ספרים פון הייליגן רבי'ן - **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה - רבינו **נחמן מברסלב** זי"ע

• עצות, התעוררות, און התחזקות פאר יעדן מענטש אייניג - וויאזוי זיך צו דערהאלטן מיט אמונה, שמחה, און עבודת השי"ת בתמימות, אין יעדן מצב, גוט - אדער ח"ו פארקערט, ברוחניות ובגשמיות.

• די גרויסע תועלת פון זיין מקורב צום צדיק אמת, וואס ער לערנט, באגלייט, און העלפט אונז מקיים זיין זיינע וואונדערליכע עצות, וואס דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין אינגיכן צו די גאולה שלימה ב"ב.

**פרשת בהעלותך** - תשע"ח - גליון קנ"ו

## ליקוטי מוהר"ן

### זיך מחי'ה זיין מיט די 'נקודות טובות'

ווען א מענטש הייבט אן צו קוקן אויף זיך, און זעהט אז ער איז ווייט פון גוט'ס און איז פול מיט עוונות רח"ל, קען ער דורך דעם זייער אראפפאלן ביי זיך, און ער וועט אינגאנצן נישט קענען אפילו אנהייבן דאווענען פאר'ן אויבערשטן. דעריבער, איז מען מחוייב צו זוכן און טרעפן ביי זיך "עפעס גוט'ס". ווייל עס קען דאך נישט זיין אז מ'זאל נישט האבן געטוהן במשך די לעבן - עפעס א מצוה אדער א גוטע זאך! און אפילו אויב ווען מען הייבט אן קוקן אויף יענע גוט'ס, זעהט מען אז די 'טוב' אליין איז פול מיט 'וואונדן', עס איז אויסגעמישט מיט אסאך **פניות** און **פסולת**, דאך - ווי אזוי קען זיין אז עס זאל נישט זיין אין די ביסל 'טוב' עפעס א **נקודה טובה**?! און אזוי דארף מען נאכקוקן און נאכזוכן ביז מען וועט טרעפן ביי זיך נאך עפעס א דבר טוב, און אזוי זאל מען זוכן ביי זיך נאך און נאך נקודות טובות.

און דורך דעם וואס מען וועט טרעפן ביי זיך א 'זכות' און 'טוב' וואס מען האט געטוהן, וועט מען דורך דעם ארויסגיין באמת פון **כף חובה** צו **כף זכות!** מען וועט זיך קענען מחי'ה זיין און משמח זיין - וויאזוי ס'זאל נאר זיין, און מען וועט קענען דאווענען פאר'ן אויבערשטן און איהם דאנקען און לויבן, און טוהן באמת תשובה שלימה!

אט די וועג איז א 'כלל' און א 'יסוד גדול' פאר יעדער וואס וויל זיך מקרב זיין צו השי"ת, ווייל די וויכטיגסטע פון אלעמען איז - זיך צו דערווייטערן פון עצבות און מרה שחורה ווי ווייט מעגליך. און רוב מענטשן וואס זיי זענען ווייט פון אויבערשטן, איז עס צוליב דעם ווייל זיי זענען געפאַלן ביי זיך אנערקענענדיג זייערע גרויסע קלקולים וואס זיי האבן זיך אָנגעמאכט דורך זייערע מעשים - אזוי ווי יעדער ווייסט ביי זיך אליין - און צוליב דעם פאלן זיי אראפ ביי זיך און זענען זיך אינגאנצן מייאש; מ'דאווענט נישט מיט כוונה, און מ'טוהט נישט אין עבודת השם - אפילו דאס וואס זיי וואלטן נאך געקענט טוהן. און אסאך נפשות זענען שוין צוליב דעם אונטערגעגאנגען רח"ל, ווייל "יאוש איז די ערגסטע פון אלעס"!

דעריבער זאל מען זיך זייער מחזק זיין צו גיין מיט דעם וועג, פון זוכן ביי זיך נקודות טובות אלעמאל, כדי דורך דעם זיך מחי'ה צו זיין שטענדיג. און דורכדעם וועט מען אייביג קענען דאווענען מיט חשק, מיט חיות און שמחה. און דורך דעם וועט מען זוכה זיין זיך אומצוקערן בתשובה באמת צו השי"ת, ווי אויבנדערמאנט.

(**תו' רפ"ב**)

*המשך פון די צווייטע זייט*

א וואלד אד"ג, און אזוי אויך - אין א צייט ווען מענטשן שלאפן - אינמיטן די נאכט, ווייל בייטאג ווען מענטשן זענען פארנומען נאכצולויפן דעם עולם הזה, שטערט דאס דעם מח פון זיך מבטל צו זיין פאר'ן אייבערשטן, און אזוי אויך - א פלאץ וואס מענטשן דרייען זיך דארט בייטאג - אפילו אויב יעצט געפונט זיך קיינער נישט דארט - איז אויך מבלבל דעם מענטש זיך מתבודד צו זיין ווי געהעריג, דעריבער זאל דאס זיין סיי א פלאץ און סיי א צייט וואס עס קומט נישט פאר קיין יאגעניש נאך די וועלט, און דאס איז מסוגל צו קענען רוהיג זיך מבטל זיין פאר השי"ת, און אויסרייסן פון זיך אלע שלעכטע מדות מיט א גענצליכע ביטול פאר'ן אייבערשטן אליין!

*נעתק ונערך ע"י י. י.*

*להערות והוספות נא להתקשר להמערכת*

## ליקוטי תפלות

**עס איז גוט צו מאכן פון די תורה - א תפלה.**

*(ליקו"מ ח"ב סי' כ"ה)*

***רבונו של עולם, חפץ חסד, מלא רחמים! העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו זוכן און טרעפן ביי מיר נקודות טובות, אויף א וועג אז איך זאל זוכה זיין זיך משמח צו זיין אין יעדע צייט, און אריינגיין באמת לכף זכות, און זוכה זיין דורך דעם צו תשובה שלימה באמת.***

***רבונו של עולם! דו ווייסט דאך אז איך האב נישט קיין שום פתחון פה צו רעדן צו דיר, נאר דורך דעם הייליגן פארכטיגן געהויבענע און וואונדערליכע וועג, וואס אונזערע רבי'ס האבן אונז מגלה געווען. ווייל דו ווייסט דאך די ביטערע ווייטאגן פון מיינע פילע עוונות און קלקולים, וואס כמעט וואלט נישט געווען קיין האפענונג חס ושלום. אבער דו האסט דאך אונז אנגעוואונט אז א מענטש דארף אויפזוכן ביי זיך נקודות טובות, און דערפרייען זיין נפש, און כל שכן זיך נישט מייאש זיין חס ושלום בשום אופן בעולם. דעריבער העלף מיר און טוה מיר אנווייזן דעם וועג זוכה צו זיין צו דעם באמת, אז איך זאל זוכה זיין אז ווען עס ווילן זיך מתגבר זיין אויף מיר חס ושלום עצבות און מרה שחורה, צוליב מיינע פילע שטארקע זינד, און זיי ווילן מיר מחליש דעת זיין, זאלסטו מיר דאן העלפן מיט דיינע פילע חסדים - זיך נישט צו לאזן ווערן אראפגעפאלן ביי זיך, נאר זיך מתחזק און מתגבר צו זיין מיט אלע כוחות, צו זוכן און טרעפן ביי מיר א זכות און נקודות טובות וואס איך האב זוכה געווען צו טוהן פון אייביג אן ביז היינט, און דורך דעם זאלן מיר זוכה זיין אריין צו גיין לכף זכות באמת, און צו דערפרייען אונזער נפש שטענדיג, אויף א וועג אז מיר זאלן דורך דעם זוכה זיין זיך אומצוקערן בתשובה שלמה באמת.***

(ארויסגענומען פון **תפלה צ'**, מיוסד אויף **תו' רפ"ב**)

**באלייכט אייער שטוב און נעמט אהיים איינס!**

# שאלות ותשובות
## עפ"י תורת רביה"ק ז"ל

**(התבודדות ג')**

### וויפיל צייט איז ריכטיג אוועקצוגעבן פאר די זאך פון 'התבודדות'?

אין ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה, ווי דער רבי רעדט וועגן די זאך פון התבודדות, שטייט דארט; **לקבוע לעצמו על כל פנים 'שעה' או יותר להתבודד** וכו'. ד"מ לכל הפחות א 'שעה', און אפילו מער ווי דעם. אזוי אויך אין די בריוו'ן פון רבי נתן שרייבט ער אז מ'זאל זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת בהתבודדות **שעה אחת או שתים!** (עלים לתרופה - ג' תשא תקצ"ה).

אין ליקו"מ (תניינא צ"ו) ווערט געברענגט, אז דער רבי - רעדנדיג אמאל אין א שמועס וועגן די געוואלדיגע גרויסקייט פון די עבודה פון התבודדות און זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת, האט ער געזאגט - אז באמת איז זיין רצון אז מ'זאל מאכן התבודדות א 'גאנצן טאג'! אבער וויבאלד נישט יעדער איינער קען דאס מקיים זיין, דערפאר הייסט ער נאר אויף א 'שעה', וואס דאס איז אויך זיכער זייער גוט, אבער ווער עס וויל באמת מקבל זיין אויף זיך דעם עול פון עבודת השם, זאל ער טאקע מאכן א גאנצן טאג התבודדות! און ער האט צוגעברענגט דאס וואס די גמרא זאגט (ברכות כ"א); **ולואי שיתפלל אדם כל היום כולו** [- הלוואי זאל דער מענטש דאווענען א גאנצן טאג]!

מיר האבן שוין געברענגט וואס רבי נתן שרייבט אין ליקוטי הלכות (ראש חודש ה'), אז דאס וואס חז"ל האבן מקפיד געווען נישט מאריך צו זיין אין תפלה - אויפן חשבון פון לערנען תורה, ('מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה' - שבת י'), דאס איז דוקא ביי תפלה אויף צרכי גשמיות, ווי; פרנסה, קינדער, געזונט וכו' - אפילו ווען ס'איז לצורך רוחניות, כדי ער זאל קענען עוסק זיין בתורה ועבודת השם, ווייל אזא תפלה איז דאך סך הכל א טפל צו די תורה. מה-שאין-כן די תפלה אויף צרכי רוחניות זעלבסט - מקיים צו זיין די תורה ומצוות, אזא תפלה איז דאך דער עיקר תכלית פון די תורה, אזוי ווי חז"ל זאגן (אבות א' י"ז); **לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה.**

זעלבסט פארשטענדליך אז א מענטש זאל זיך נישט אפהאלטן פון אריינצוכאפן - אפילו נאר 'אביסל' התבודדות. אזוי ווי דער דיבור פון רבי'ן; **'אביסל' איז אויך גוט!** (אבני"ה ברזל שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ס"ה). רבי נתן שרייבט אין א בריוו פאר זיין זוהן; "שטארק זיך אריינצוכאפן יעדן טאג וויפיל דו קענסט, סיי וויינig, סיי אסאך, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות ה'); **אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים**"! (עלים לתרופה ר"ח).

עס שטייט אין שיחות הר"ן (אות כ"ז) אז כאטש מען דארף זיך זייער איילן ביי עבודת השם אריינצוכאפן גאר אסאך, טאר מען אבער נישט ווערן איבערגעאיילט וועלנדיג אריינכאפן אלעס אויפאמאל, נאר מ'דארף גיין צושטייטלעך ובהדרגה, און ביז דערוויל זיך איינגעוואוינען צו בענקען צום אייבערשטן - וואס דאס אליין איז אויך א געוואלדיגע זאך. אויך איז מבואר אין רבי'נס ספרים פיהל חיזוק וועגן דעם ענין - אז מ'דארף וויסן אז עס ווערט נישט פארלוירן קיין שום 'שריי', 'קרעכץ', און 'בענק', און אפילו א 'קוק' וואס מ'קוקט ארויף צום אייבערשטן מיט האפענונג, און דאס אלעס טוהט אויף גאר אסאך, (זעה שיחות הר"ן י"א, ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהיתומים ג' אות י"ז, און נאך פיהל).

*

**(התבודדות ד')**

### וואספארא סארט 'פלאץ' איז געאייגנט אויף צו מאכן התבודדות? [- שטוב, פעלד, אד"ג].

אין ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה, דארט ווי דער רבי רעדט וועגן די עצה פון התבודדות, זאגט ער דעם לשון; **להתבודד לבדו באיזה 'חדר' או 'בשדה'** וכו', ד"מ אין א שטוב אדער פעלד, אין א פלאץ וואו ער קען זיין מיט זיך אליין, און זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת מיט ישוב הדעת.

דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן (אות רע"ד, רע"ה), אז ס'איז גוט פאר אן ערליכער איד אז ער זאל באשטימען פאר זיך א פריוואטע שטוב ווי ער זאל קענען דארט עוסק זיין אין עבודת השם, ובפרט התבודדות ושיחה בינו לבין קונו. אויך האט ער געזאגט אז אפילו אויב מען האט נישט אזא שטוב וואס זאל זיין געאייגנט דערפאר, קען מען זיך אן עצה געבן מיט אנדערע אופנים, צב"ש אונטער'ן טלית, אדער העכער א ספר, אז די ארומיגע זאלן מיינען אז ער לערנט, אדער אונטער די דעקע בעפאר'ן שלאפן - אזוי ווי דוד המלך ע"ה וואס האט געזאגט אויף זיך (תהלים ו' ז'); ***אשחה בכל לילה מטתי.*** און אזוי אויך אנדערע תחבולות - וואס מ'קען זיך דורך זיי אן עצה געבן צו מקיים צו זיין אין יעדן פאל די געוואלדיגע עצה פון התבודדות, וואס דאס איז דער שורש און יסוד פון תשובה און קדושה וטהרה און אלע מעלות און מדות טובות. אבער זיכער איז בעסער אויב מ'קען זיך שאַפן אזא סארט ספעציעלע שטוב וואס זאל זיין געאייגנט דערפאר, אז ער זאל זיך קענען דארט מתבודד זיין פאר השי"ת אהן קיין שטערונגען.

אין עטליכע פלעצער ברענגט דער רבי די ספעציעלע מעלה פון זיך מתבודד זיין אין א 'פעלד' דוקא. עס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן (תניינא תו' י"א) אז ווען א מענטש איז זיך מתבודד אין פעלד, קומען די גראז און ביימער און העלפן איהם ארויס ביי זיין תפלה, און ער איז זוכה דורך זיי צו אן התעוררות הלב! (זעה אויך שיחות הר"ן אות רכ"ז). אויך שטייט אין חיי מוהר"ן (אות ק"ז, זעה אויך השתפכות הנפש אות מ"ג) אז ווען איינער איז זוכה צו מאכן התבודדות - בפרט אין א פעלד, דאן טוהט ער שפירן ביי יעדן טריט וואס ער שפאצירט זיך דארט - א 'טעם גן עדן ממש'! אזוי אויך ווען ער קומט צוריק פון דארט זעהט ער די וועלט אינגאנצן 'ניי', גאר אנדערש וויאזוי ער האט איר פריער געזעהן! אויך שטייט דארט (אות ר"ל) אז ס'איז גוט אז ס'זאל זיין עפעס אן ערליכער איד וואס זאל צוזאמנעמען די 'בני הנעורים' [- בחורים, אינגעלייט] און זיי ארויספירן אין א פעלד אינדרויסן פון שטאט, און רעדן דארט מיט זיי וועגן דעם אמת'ן תכלית פון דער וועלט, און דערנאך זאלן זיי מאכן דארט התבודדות פאר השי"ת.

עס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן (תו' נ"ב - 'הניעור בלילה'), אז מען זאל מאכן די התבודדות אין א פלאץ ווי מענטשן דרייען זיך דארט קיינמאל נישט, ווי צב"ש

*המשך אויף די ערשטע זייט*

צו באקומען דעם גליון, ווי אויך צו נעמען א טייל אין די הוצאות, אדער פאר סיי וואספארא הערות, תיקונים און הוספות אד"ג, פארבינדט אייך צו;
**Breslov.Kval@Gmail.com**
אדער רופט (ארה"ק); **072-224-2982**
(ארה"ב); **718-781-5030**